# ויקהל

## נדבת המשכן

**א**ונזערע חכמים דערציילן[1], אַז בשעת מ'האָט געבראַכט די נדבות אויף בויען דעם משכן, האָבן אויך די קינדער וואָס זיינען געווען פאַר בר-מצוה און פאַר בת-מצוה זיך באַטייליקט אין דעם.

**אין די אַלע צוגרייטונגען צום משכן, האָבן די קינדער גענומען אַ וואַרעמען און אַ לעבעדיקן איינטייל**

פונקט ווי די קינדער האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע זאַכן פאַרבונדן מיטן אויבערשטן נאָך זייענדיק אין מצרים, ביז, ווי די חז"ל[2] זאָגן, "הם הכירוהו **תחילה**" (די אידישע קינדער האָבן דערקענט דעם אויבערשטן פריער, נאָך פאַר אַלע ערוואַקסענע) – איז פאַרשטאַנדיק, אַז אויך אין די אַלע צוגרייטונגען צום משכן, האָבן די קינדער גענומען איינטייל, אַ וואַרעמען איינטייל, און אַ לעבעדיקן איינטייל.

* * *

**ד**י אָפּלערנונג דערפון פאַר אונז:
אידן דאַרפן זיך גרייטן, נאָך זייענדיק אין גלות, צו דעם בנין פון בית המקדש השלישי, וואָס וועט געבויט ווערן אַרויסגייענדיק פון דעם גלות.

און די צוגרייטונג צום בית המקדש השלישי איז דורך דעם, וואָס נאָך אין דער צייט פון גלות וועלן די עלטערן און די קינדער מאַכן פון זייערע אייגענע היימען – אַ היים אויף וועלכער דער אויבערשטער זאָגט "**ושכנתי בתוכם**"[3], ער רוט אין דער היים, וויבאַלד דאָס איז אַ היים וואָס פירט זיך ווי דער

**די צוגרייטונג צום בית המקדש השלישי איז דורך דעם וואָס קינדער מאַכן פון זייערע אייגענע היימען אַ היים אויף וועלכער דער אויבערשטער זאָגט "ושכנתי**

אויבערשטער וויל, ס'איז אַן אמת אידישע היים[4].

און כאָטש דאָס איז אָפּהענגיק פון דער אויפפירונג פון **אַלע** בני בית (פון דער גאַנצער משפחה), איז אָבער גאָר ספּעציעל דאָס פאַרבונדן מיט קינדער, וואָס זיי זאָגן "**זה א-לי ואנוהו**"[5] (אָט דאָס איז מיין אויבערשטער און איך מאַך (פּאַר) אים שיין). זיי פילן אַז זיי זיינען פאַרבונדן מיטן אויבערשטן און זיי ווילן מאַכן אַז דער "ושכנתי בתוכם" זאָל זיין שיין אין אַלע הינזיכטן – ובמילא טוען זיי אַלץ וואָס הענגט אָפּ פון זיי אַז דאָס זאָל אַראָפּקומען לפועל.

און בשעת די אויפפירונג פון די קינדער, מיט דער גאַנצער משפחה, איז אין אַן אופן אַז זיי מאַכן פון זייער הויז אַ משכן, אַז אויף דער הויז זאָגט דער אויבערשטער "ושכנתי בתוכם" – ווערט דאָס די צוגרייטונג צו דעם בית המקדש השלישי.

(ר"ח ניסן תש"מ)

1) אבות דרבי נתן יא, א. 2) סוטה יא, ב. שמות רבה פ"א, יב. 3) תרומה כה, ט. וכמחז"ל "בתוכו" לא נאמר אלא "בתוכם" - בתוך כאו"א מישראל (ראה ראשית חכמה שער האהבה פרק ו קרוב לתחלתו. אלשיך תרומה עה"פ. של"ה סט, א). 4) ראה בארוכה לקוטי שיחות חלק כו עמוד 414 ואילך. שיחת ש"פ תרומה תשמ"ז. "דער רבי רעדט צו קינדער" – מועדים חלק א עמוד 257 ואילך. 5) בשלח טו, ב. וראה סוטה ושמות רבה שם.